NYC Health

# העפיטייטיס A אפט געפרעגטע פראגעס

## וואס איז העפיטייטיס A?

העפיטייטיס A איז א ווייַרוס וואס אינפעקטירט און קען שעדיגן די לעבער. עס ווערט געווענליך אריבערגעפירט פון איין מענטש צום צווייטן דורך פארפעסטיגטע עסנווארג אדער וואסער, אדער דורך געשלעכטליכע בארירונג. עס איז פארהאן א וואקסין צו פארמיידן העפיטייטיס A.

## ווי אזוי ווערט העפיטייטיס A ווייַרוס פארשפרייט?

די העפיטייטיס A ווייַרוס קומט אריין אינעם קערפער דורכן מויל און גייט ארויס אינעם אפפאל (סטול). דער ווייַרוס ווערט פארשפרייט ווען א מענטש שלינגט אראפ פיצעלע מאסן סטול וואס זענען צו קליין צו זען. עס קען זיך טראגן אויף אן אינפעקטירטן מענטש'ס הענט און ווערן פארשפרייט דורך אנרירן זייערע הענט, אראפשלינגען עסנווארג אדער געטראנקען וואס זיי האבן אנגערירט אדער דורך געשלעכטליכע בארירונג.

## וואס זענען די סימפטאמען פון העפיטייטיס A?

סימפטאמען רעכענען אריין דזשאונדיס (געלע אויגן און הויט), פארמאטערטקייט (שפירן מיד), בויך ווייטאג, איבלונג און דייעריע. געווענליך אנטוויקלט מען סימפטאמען אומגעפער איין מאנאט נאכן ווערן אויסגעשטעלט צום ווייַרוס.

נישט יעדער וואס באקומט העפיטייטיס A וועט האבן די אלע סימפטאמען. בעיביס און קליינע קינדער האבן געווענליך זייער מילדע סימפטאמען און האבן קלענערע אויסזיכטן צו אנטוויקלען געלקייט ווי עלטערע קינדער און ערוואקסענע.

## ווען קען איך צוערשט ווערן קראנק און ווען קען איך פארשפרייטן דעם אינפעקציע?

סימפטאמען ערשיינען געווענליך אינערהאלב דריי ביז פיר וואכן נאכן זיין אויסגעשטעלט, כאטש עס קען אויך ארויסקומען אזוי פרי ווי צוויי וואכן אדער אזוי שפעט ווי זיבן וואכן נאכן זיין אויסגעשטעלט. אן אינפעקטירטער מענטש האט די גרעסטע אויסזיכטן פון פארשפרייטן דעם קראנקהייט פון צוויי וואכן פאר ביז איין וואך נאכן אנהייבן צו האבן סימפטאמען.

## וואס איז די באהאנדלונג פאר העפיטייטיס A?

עס איז נישטא קיין באהאנדלונג פאר העפיטייטיס A. רוב מענטשן היילן זיך אליין אויס ביז אפאר וואכן דורכן זיך אפרוען און נישט טרונקען קיין אלקאהאל. געוויסע מענטשן וואס האבן כראנישע לעבער קראנקהייט אדער אן אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם האבן א מער ערנסטע פארם פונעם קראנקהייט און נויטיגן זיך אין באהאנדלונג. בשעת'ן זיך ערהוילן פון העפיטייטיס A, טרונקט **נישט** קיין אלקאהאל און נעמט **נישט** קיין מעדיצינען וואס קענען שעדיגן די לעבער, אזוי ווי אסיטעמינאפען אדער Tylenol.

אויב איר קלערט אז איר האט אפשר העפיטייטיס A, רעדט צו אייער העלט קעיר פראוויידער.

## ווי אזוי דיאגנאזירט מען העפיטייטיס A?

אויב אייער העלט קעיר פראוויידער פארדעכטיגט העפיטייטיס A, קען ער אדער זי פארלאנגען א בלוט טעסט.

## קען א מענטש באקומען העפיטייטיס A מער ווי איין מאל?

ניין. איין מאל מען ערהוילט זיך פון העפיטייטיס A, איז מען אימיון (באשיצט) פארן גאנצן לעבן און מען טראגט מער נישט דעם ווייַרוס.

**קען העפיטייטיס A פירן צו טויט ר"ל?**

העפיטייטיס A פירט זעלטן צו טויט (ווייניגער ווי 1% פון פעלער).

**ווי אזוי קען מען פארמיידן העפיטייטיס A?**

נעמט דעם העפיטייטיס A וואקסין. פרעגט אייער העלט קעיר פראוויידער וועגן באקומען די העפיטייטיס A וואקסין אדער רופט 311 צו טרעפן א וואקסין פראוויידער.

וואשט אייערע הענט פארזיכטיג מיט זייף און ווארעמע פליסנדע וואסער פארן אנרירן עסנווארג און נאכן נוצן דעם בית הכסא אדער טוישן ווינדלען.

פארמיידט געשלעכטליכע פירונגען וואס קענען אויסשטעלן די הענט אדער מויל צו סטול. קאנדאמס קענען העלפן פארמיידן געשלעכטליך אריבערגעפירטע אינפעקציעס, אריינגערעכנט HIV, אבער מעגליך פארמיידט נישט העפיטייטיס A.

אויב איר רייזט צו א לאנד וואו העפיטייטיס A טרעפט זיך אפט, נוצט וואסער פון פלעשלעך אדער קאכט אויף קראן וואסער פאר איין מינוט פארן נוצן. פארמיידט זיך פון עסן שעלפיש וואס קענען קומען פון א פארפעסטיגטע וואסער קוואל.

**ווער זאל באקומען די העפיטייטיס A וואקסין?**

יעדער וואס וויל לאנג-דויערנדע באשיצונג אנטקעגן העפיטייטיס A זאל באקומען צוויי דאזעס פונעם וואקסין אמווייניגסטנס זעקס מאנאטן אפגעטיילט.

אין צוגאב, איז רוטינע וואקסינאציע רעקאמענדירט פאר מענטשן אין די פאלגנדע גרופעס:

- אלע קינדער צווישן 1 און 2 יאר אלט
- רייזנדער צו ערטער וואו העפיטייטיס A טרעפט זיך אפט, אריינגערעכנט לענדער אין די קאריביען, צענטראלע און דרום אמעריקע, אפריקע, מזרח אייראפע און טיילן פון אזיע. רייזנדער זאלן באקומען זייער ערשטע דאזע אמווייניגסטנס צוויי וואכן פארן רייזן.
- געי מענער און אנדערע מענער וואס האבן געשלעכט מיט מענער
- מענטשן וואס האבן כראנישע לעבער קראנקהייט
- מענטשן וואס נוצן דראגס
- מענטשן וואס האבן קלאטינג-פאקטאר דיסארדערס
- מענטשן וואס וואוינען אויפן גאס, אין א שעלטער אדער האבן נישט קיין פערמענאנטער אדרעס צוליב אן אנדערע סיבה
- מענטשן וואס ארבעטן מיט העפיטייטיס A אין א לאבאראטאריע